# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
David Edelstat Memorial and Book Committee / Dovid Edelshtat Ondenk Un Bukh Komitet

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7r8037c0

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

### Author
Chrablov / Khrablov, A. / A.

### Publication Date
1953

### Copyright Information
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library University of California

אויך פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז רויזענבלאַט אַ וואונדערלעכער פענאָמען, טאַקע מחמת דער יונגשאַפט אין זיין שאַפן. בלעטערן מיר דורך די איבער 50 יאָר פון רויזענבלאַטס לירישע לידער און פּאָעמעס, זעען מיר ווי עס שפרודלט ארויס פון זיי אַ קרעפטיקע יונגשאַפט און אַ פילאָזאָפישע וויזהייט.

דעם רויזענבלאַט בוך־ און יובל־קאָמיטעט קומט באמת אַ יישר כוח, פאַר איינאָרדנען די פייערונג. און באזונדערס איז געווען אנגענעם צו זען דעם גרויסן באַגייסטערטן עולם, וואָס איז געקומען צום גרויסן יום טוב, פון אונדזער ליבן חשובן בעל היובל.

ס'איז אויך ווערט צו דערמאָנען, אַז די פּראָגראַם פון אָוונט איז באמת געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכער ניווא, ווי ס'פּאַסט פאַר אַזאַ ליטעראַטור יום־טוב: דער הלוי־כאָר אונטער דער דירעקציע פון בען פּאָלאַק, האָט פאָר־געטראָגן אַ פּראָגראַם פון רויזענבלאַטס לידער, מיט דער באַליבטער פאָלקס־זינגערין פייגעלע פּאַניטש ווי אַ סאָליסטן; דריי קינדער פון די עלעמענטאַר און מיטל־שולן, האָבן באמת חנ'עוודיק רעציטירט פון רויזענבלאַטס לידער; דער באַוואוסטער נאָוועליסט ש. מילער האָט באַגריסט רויזענבלאַטן אין נאָמען פון דער יובל קאָנפערענץ און האָט אויך געלייענט צענדליקער באַגריסונגס־בריוו פון שרייבער און דיכטער בכל תפוצת ישראל; שלמה האָכבערג האָט רעפערירט איבער רויזענבלאַטס שאַפונגען און, דער דיכטער בעל היובל האָט אויף זיין קלוגן אינטימען אופן באַדאַנקט דעם קאָמיטעט און דעם גרויסן עולם, פאַר דער געטריישאַפט און וואַרעמקייט וואָס זיי האָבן אים אַזוי פיל געגעבן, און פאַרענדיקט מיט אַ פּרעכטיקער עסיי וועגן ליטעראַטור. דער יובל אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם פּרעכטיקן עיבל טעאַטער און אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאַנד.

דעם זעלביקן אָוונט, נאָך דער פייערונג, איז נאָך אַ גאַנץ היפשער עולם פאַרבעטן געוואָרן אין לאָס אנגעלעסער יידישן קולטור קלוב, וואו ביי שיין געדעקטע טישן זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַגריסונגען פון אַ צאָל לאָקאַלע יידישע שרייבער און קולטור טוער. דער ארטיסט אליהו טענעהלאָץ האָט פּרעכטיק פאָרגעטראָגן אַ ליד פון רויזענבלאַטס נייעסט בוך „אין שענצטן טאָג פון האַרבסט".

די יידישע לאָס אנגעלעס וועט לאַנג, לאַנג געדענקען אָט דעם גרויסן פייערלעכן יום־טוב פון דער יידישער ליטעראַטור און פון זייער באַליבטן דיכטער, דעם פאַרדינסטפולן בעל היובל, ה. רויזענבלאַט.

---

# דער דוד עדעלשטאַט אָנדענק קאָמיטעט און דער דוד עדעלשטאַט בוך

### פון א. כראַבלאָוו

אין איינעם פון די אויפרופן וואָס דער דוד עדעלשטאַט אנדענק־קאמיטעט האָט אַרויסגעגעבן ווערט ציטירט רודאָלף ראָקערס אַ פּאַראַגראַף פון איינעם פון זיינע אַרטיקלען אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", וואָס זאָגט:

„די גאָלדענע צייט פון אונדזער יוגנט איז שוין לאַנג פאַרביי. גליקלעך איז אבער דער, אין וועמענס נשמה עס גליט נאָך תמיד אַ פונק פון יענער אומרואיקער צייט. אָט דער דאָזיקער פונק באַשיצט דעם גייסט קעגן צופאַלן ווערן און לאָזט ניט שטאַרבן די גרינע זוימען פון האָפענונג."

אַט דער יוגנט־פונק וואָס דוד עדעלשטאַטס לידער האָבן אַמאָל אָנגעצונדן אין די נשמות פון אַ סך פרייהייטס־קעמפער, האָט איצט, מיט זעכציק יאָר נאָך זיין טויט, צוזאַמענגעבראַכט אַ גרופּע מענטשן אין לאָס אַנדזשעלעס און סאַן פראַנציסקאָ, וועלכע האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט אַרויסצוגעבן אַ „דוד עדעלשטאַט בוך" צו זיין 60טן יאָרצייט.

דער איניציאַטאָר פון דער אידייע איז געווען דר. הערמאַן פראַנק ע"ה, וועלכער האָט שוין אַ סך פריער געפאָרשט און פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רייע אַרטיקלען וועגן עדעלשטאַטן. נאָך זיין פלוצימדיקן טויט, ביים אָנהייב פון דער אַרבעט, האָט די רעדאַקציע פון בוך איבערגענומען דער באַקאַנטער דיכטער און שריפטשטעלער, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, וועלכער האָט דעם גאַנצן פאַרנעם פון בוך אויסגעברייטערט און אים דערפירט צו אַ ווערק, וואָס בעמט אַרום אונדזער גרויסע עפּאָכע און וועט געוויס בלייבן ווי אַ ווירדיקער מאָנומענט פאַר די קומענדיקע דורות.

עס איז געגנוג אויסצורעכענען נאָר די נעמען פון די אָנטיילנעמער אין דעם גראַנדיעזן ווערק, כדי צו האָבן אַ פאָרשטעלונג פון זיין היסטאָריש־קולטורעלן אינהאַלט.

זיי זיינען לויט די אָפּטיילונגען פון בוך: ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אבא גאָרדין, דר. הערמאַן פראַנק, ה. לייוויק, א. ליעסין (ליד), ה. רויזענבלאַט (עסיי), מאַני לייב, רודאָלף ראָקער, דר. י. נ. שטיינבערג, ה. שאָטאַן (פּאַריז), דר. אַהרן שטיינבערג (לאָנדאָן), ה. ש. קאַזשדאַן, מיכאל געלבאַרט, ה. לאַנג, נ. ב. מינקאָף, א. פּאָמע־ראַנץ, מלך ראַוויטש, יעפים ישורין.

זכרונות פון עדעלשטאַטס צייט־חברים: שרה עדעלשטאַט (זיין שוועסטער), משה קאַטץ, דר. מיכאל קאָהן, עמאַ גאָלדמאַן, ש. גאָרסאַן, י. קאָפּילאָוו, א. פרומקין, ט. יאַנאָווסקי. צום סוף פון די „זכרונות"—אַן אַרטיקל פון מאַקס שפּאַניער: „עדעלשטאַטס צווייטע לוויה."

עס גייען אַריין די ווערק פון דוד עדעלשטאַט: 22 אַרטיקלען און 55 לידער.

אין דער אַנטאָלאָגיע־זאַמלונג געפינען זיך אַלע לידער וועגן דוד עדעלשטאַט, פון יאָר 1892 ביז איצט. דוד עדעלשטאַטס לידער מיט דער מוזיק. דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט אַרום הונדערט בילדער און קונסט־צייכענונגען פון די פּערזענלעכקייטן, וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך און פון די שרייבער־אָנטיילנעמער.

אויף זיין רייזע קיין אייראָפּע און ישראל, איז פּריינט י. פרידלאַנד, אַ מיטגליד פון ד.ע.ב.ק., אויסגעטראָטן אויף די פאַרזאַמלונגען פון די קאָמיטעטן אין לאָנדאָן און פּאַריז, און דערמיט מיטגעהאָלפן זייער אָרגאַניזירונג און אַקטיוויזירונג.

איינעם פון די גייסטרייכסטע דוד עדעלשטאַט־אָוונטן האָט איינגעאָרדנט דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב. די אַרויסטרעטונגען פון די צוויי באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין לאָס אַנדזשעלעס: שריפטשטעלער הערי לאַנג און דיכטערין מלכה טוזמאַן, האָבן שטאַרק באַגייסטערט די גאָר גרויסע צאָל פאַרזאַמלטע און לעבעדיק געמאַכט דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם אַרבעטער־דיכטער און פרייהייטס־קעמפער, דוד עדעלשטאַט.

אין סאַן פראַנציסקאָ האָט די אַרבעט פון ד.ע.אָ.ק. אַנגעפירט פריינט מאַקס שפּאַניער און זיין פרוי פּעני, צוזאַמען מיט אַ גרופּע נאָענטע פריינט האָבן זיי בייגעטראָגן אַ וואַגיקע סומע פאַר דער אויסגאַבע.

די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דוד עדעלשטאַט אָנדענק קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס און סאַן פראַנציסקאָ האָבן מיט זייער אַרבעט, זעלבסט־ביישטייערונגען, זאַמלונגען צווישן פריינט, אונטערנעמונגען, און מיט זייערע פּערזענלעכע קלענערע און גרעסערע הלוואות, אין גאָר אַ גרויסער מאָס בייגע־טראָגן צום דערפאָלג פון דער היסטאָרישער אונטערנעמונג.

זיי זיינען, לויטן אַלף־בית: מ. גינזבורג, א. דאָרין, סעם טאָק, ה. יפה, שרה יפה ע״ה, א. כראָבלאָוו, העלען כראָבלאָוו, מ. לאַפּידוס, לעאָן קייזער, דאָראַ קייזער, מאַקס שפּאַניער און פּעני שפּאַניער.

---

# ביבליאָטעק ביים יידישן קולטור קלוב

אין די לעצטע נומערן „חשבון" ווי אויך דאָ, ווילן מיר ציען דעם אויפמערק פון יידישן לייענער אין לאָס אַנגעלעס אַז אין אונדזער ביבליאָטעק געפינט זיך איצט, אַ גאָר גרויסער אויסוואַל פון יידישע ביכער, מכל המינים: ביכער פון אונדזערע קלאַסיקער און פון אונדזערע בעסטע מייסטערס פון פּאָעזי, בעלע־טריסטיק, עסייאיסטיק, יידישע און וועלט געשיכטע, טעאַטער, וויסנשאַפט און די מערסטע יידישע זשורנאַלן, זאַמלונגען און יידישע צייטונגען.

ס'איז באמת אַ נחת־רוח אַריינצוקומען און פאַרברענגען אַ פּאָר גייסטיקע שעה אין אונדזער פּרעכטיקער, שיינער ביבליאָטעק און לייען־צימער.

די ביבליאָטעק איז ניט נאָר באַצוועקט פאַר „רעפערענס" אָדער פאָרשונג, נאָר פאַר אַלעמען, וועלכע האָבן אַ תשוקה צום לייענען אַ יידיש בוך.

מיר בעטן, סיי די מיטגלידער פון קולטור קלוב און סיי יידן בכלל, צו ווערן אונדזערע באַשטענדיקע לייענער.

די ביבליאָטעק איז אָפן פאַר אַלעמען און אונדזער חשובער ביבליאָטעקאַר, חבר מ. אזאלין איז גרייט אייך מהנה צו זיין.

---

## באַמערקונג פון רעדאַקציע:

אין אונדזער רובריק „קולטור כראָניק" פעלן נאָך אויס עטלעכע אָרגאַני־זאַציעס און זייערע טוּאונגען פאַר דעם לעצטן יאָר. ווילן מיר דאָ באַמערקן, אַז ס'איז ניט פאַרפעלט געוואָרן מצד אונדז מיט וועלכער עס איז כוונה; נאָר די אָרגאַניזאַציעס — טראָץ אונדזער ווענדונג צו זיי — האָבן פשוט פאַרנאַכ־לעסיקט אַריינצושיקן. לאָמיר האָפן אַז די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן טענות, פאַר ניט דערמאָנען זיי אין „חשבון", וועלן צום קומענדיקן נומער זיין פּינקט־לעכער, און אַריינשיקן זייערע באַריכטן אין צייט.

אין סאַן פראַנציסקאָ האָט די אַרבעט פון ד.ע.אָ.ק. אָנגעפירט פריינט מאַקס שפּאַניער און זיין פרוי פּעני, צוזאַמען מיט אַ גרופּע נאָענטע פריינט האָבן זיי בייגעטראָגן אַ וואָגיקע סומע פאַר דער אויסגאַבע.

די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דוד עדעלשטאַט אָנדענק קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס און סאַן פראַנציסקאָ האָבן מיט זייער אַרבעט, זעלבסט-פּערזענלעכע קלענערע און גרעסערע הלוואות, אין גאַר אַ גרויסער מאָס בייגע-טראָגן צום דערפאָלג פון דער היסטאָרישער אונטערנעמונג.

זיי זיינען, לויטן אַלף-בית: מ. גינזבורג, א. דאָרין, סעם טאָק, ה. יפה, שרה יפה ע"ה, א. כראַבלאָוו, העלען כראַבלאָוו, מ. לאַפּידוס, לעאָן קייזער, דאָראַ קייזער, מאַקס שפּאַניער און פּעני שפּאַניער.

---

## ביבליאָטעק ביים יידישן קולטור קלוב

אין די לעצטע נומערן „חשבון" ווי אויך דאָ, ווילן מיר ציען דעם אויפמערק פון יידישן לייענער אין לאָס אנגעלעס אַז אין אונדזער ביבליאָטעק געפינט זיך איצט, אַ גאַר גרויסער אויסוואַל פון יידישע ביכער, מכל המינים: ביכער פון אונדזערע קלאַסיקער און פון אונדזערע בעסטע מייסטערס פון פּאָעזי, בעלע-טריסטיק, עסייאיסטיק, יידישע און וועלט געשיכטע, טעאַטער, וויסנשאַפט און די מערסטע יידישע זשורנאַלן, זאַמלונגען און יידישע צייטונגען.

ס'איז באמת אַ נחת-רוח אַריינצוקומען און פאַרברענגען אַ פּאָר גייסטיקע שעה אין אונדזער פּרעכטיקער, שיינער ביבליאָטעק און לייען-צימער.

די ביבליאָטעק איז ניט נאָר באַצוועקט פאַר „רעפערענס" אָדער פאָרשונג, נאָר פאַר אַלעמען, וועלכע האָבן אַ תשוקה צום לייענען אַ יידיש בוך.

מיר בעטן, סיי די מיטגלידער פון קולטור קלוב און סיי יידן בכלל, צו ווערן אונדזערע באַשטענדיקע לייענער.

די ביבליאָטעק איז אָפן פאַר אַלעמען און אונדזער חשובער ביבליאָטעקאר, חבר מ. אזאלין איז גרייט אייך מהנה צו זיין.

---

### באַמערקונג פון רעדאַקציע:

אין אונדזער רובריק „קולטור כראָניק" פעלן נאָך אויס עטלעכע אָרגאַני-זאַציעס און זייערע טעטיקייטן פאַר דעם לעצטן יאָר. ווילן מיר דאָ באַמערקן, אַז ס'איז ניט פאַרפעלט געוואָרן מצד אונדז מיט וועלכער עס איז כוונה; נאָר די אָרגאַניזאַציעס — טראָץ אונדזער ווענדונג צו זיי — האָבן פשוט פאַרנאַכ-לעסיקט אַריינצושיקן. לאָמיר האָפן אַז די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן טענות, פאַר ניט דערמאָנען זיי אין „חשבון", וועלן צום קומענדיקן נומער זיין פּינקט-לעכער, און אַריינשיקן זייערע באַריכטן אין צייט.